צווײ אַנטיסעמיטען

א.

מאַקס בערליאַנט איז אַ געראָיכערטע ליולקע. ער פאָהרט פון לאָדז קיין מאָסקווע און פון מאָסקווע קיין לאָדז עטליכע מאָל אין יאָהר. ער איז בעקאַנט מיט אַלע בופעטשיקעס אויף די וואָקזאַלען, אויסגעבונדען מיט אַלע קאָנדוקטאָרען, געווען שוין אין די טיעפע גובערניעס, דאָרט וואו אַ איד טאָר נישט זיין מעהר ווי פיער און צוואַנציג שעה, געשוויצט אין אַלע אוטשאַסטקעס, אויסגעשטאַנען אונטערוועגענס גענוג בזיונות, ניט איין מאָל זיך געערגערט, אָפּגעגעסען דאָס האַרץ — און אַלץ איבער'ן אידענטום. דאָס הייסט, ניט איבער דעם, וואָס ס'איז פאַרהאַן אַ אידענטום, נאָר דערפאַר, וואָס ער אַליין איז, ניט אויסגערעדט זאָל זיין, אַ איד; און ניט אַזוי דערפאַר נאָך, וואָס ער איז אַ איד, ווי דערפאַר, וואָס ער האָט, מחילה, אַ אידיש אויסזעהען. אָט דער צלם אלקים — אוי, דער צלם אלקים! אויגען שוואַרצע, גלאַנצענדיגע, האָר אויך שוואַרצע, גלאַנצענדיגע — אמת'ע סעמיטישע האָר; איין אויסשפּראַך אַ גע־הרג'עטע, איין עכטע אַ אידישע, מיט אַ חי"ש, און דערצו אַ נאָז — אוי, אַ נאָז!

און ווי אויף צו־להכעיס, איז אונזער העלד בעשטראָפט מיט אַ מין פּראָפעסיע (ער איז אַ קאָמיוואָיאַזשער), וואָס ער מוז זיך אַרומפיהרען מיט דער נאָז איבער דער וועלט, און דוקא רעדען, און דוקא אַ סך רעדען — מע זאָל איהם זעהען, הייסט עס, און מע זאָל איהם הערען. קורץ — ס'איז אויף איהם אַ רחמנות.

אמת, אונזער העלד האָט זיך נוקם געווען אין דער באָרד. אָנגעטהאָן זיך און אויסגעפּוצט, טאַקי נאָר ווי אַ כלה, פּערדרעהט די וואָנסעס אַרויף, זיך פּערלאָזט אַ לאַנגען נאָגעל און געטראָגען אַ שניפּס „אשר לא שניפּסו אבותינו״, זיך געוואוינט צו די מאכלים וואָס אויפ׳ן וואָקזאַל, אויסגעלאָזט זיין גאַנצ׳ן ביטער האַרץ צום דבר־אחר (ס׳זאָל איהם אָנגעהן, דעם חזיר, חאָטש האַלב, וואָס מאַקס האָט איהם געווינשעוועט, בשעת ער האָט איהם פּערזוכט צום ערשטען מאָל!), און וואָס טויג אייך גרוים? ער האָט זיך איינגעשטעלט דאָס לעבען און האָט אָנגעהויבען עסען ראַקעס.

פאַר וואָס זאָג איך „ער האָט זיך איינגעשטעלט דאָס לעבען״? ווייל אייערע שונאים זאָלען אַזוי וויסען פון זייער נאָז, ווי מאַקס בערליאַנט האָט אפילו אָנגעהויבען צו וויסען, ווי אַזוי מען איז זיך נוהג מיט ראַקעס: צי מע שניידט זיי מיט אַ מעסער? צי מע שטעכט זיי מיט אַ גאָפּעל? צי מע עסט זיי גאַנצערהייד?

און פון דעסטוועגען, נאָך די אַלע גליקען, קאָן זיך מאַקס בערליאַנט ניט אויסבעהאַלטען מיט זיין אידישקייט — ניט פון אייגענע, ניט פון פרעמדע. מע דערקענט איהם, ווי אַ בייזען שילינגער, פּונקט אַזוי ווי דעם פּערשאָלטענעם קין, און מע גיט איהם צו וויסען אויף יעדען טריט און שריט, ו ו ע ר ער איז און ו ו אָ ס ער איז. קורץ — ס׳איז אויף איהם אַ גאָט׳ס רחמנות!

ב.

נאָר אויב מאַקס בערליאַנט איז געווען איין אומגליקליכער מענש ב י ז ק י ש י נ ע ו ו, איז נ אָ ך ק י ש י נ ע ו ו ניט געווען צו איהם קיין גלייכען. טראָגען אין זיך טיעף אין האַרצען אַ גרויסען וועהטיג און שעמען זיך מיט איהם — דאָס איז אַ מין גיהנום, וואָס נאָר דער קאָן איהם פּערשטעהן, ווער עס פּיהלט איהם. מאַקס האָט זיך געשעמט מיט קישינעוו, גלייך ווי דאָס וואָלט געווען ז י י ן קישינעוו... און טאַקי עפּים גאָר ווי אויף צו־

להכעיס, האָט מען איהם פּונקט אין יענער צייט, וואָס נאָך קישינעוו, אַרויסגעשיקט אַהין, אין יענע מקומות, קיין בעסאַראַביע, און ער האָט געפּיהלט, אַז דאָ הויבט זיך אָן פאַר איהם אַ נייער גיהנום. קאַרג האָט ער זיך אָנגעהערט פון די דאָזיגע שענע מעשיות דאָרט ביי זיך אין דער היים? קאַרג האָט איהם געקאָכט דאָס האַרץ, פּערלאָפען מיט בלוט, אויף די רציחות, וואָס מע האָט אַזעלכם ניט געהערט אויף דער גאַנצער וועלט? ער וועט דען פּערגעסען יענעם טאָג, בשעת איינמאָל אין שוהל האָט מען געמאַכט איין „אל־מלא־רחמים״ אויף די „הרוגי־קישינעוו״? אַלטע אידען האָבען דעמאָלט געוויינט, ווייבער זענען געפאַלען חלשות...

געוויס האָט זיך אייך געטראָפען אַ מאָל פאָהרען אין באַהן פערביי איין אָרט פון אַ „קאַטאַסטראָפע״. איהר ווייסט טאַקי גאַנץ גוט, אַז איהר קאָנט זיצען רוהיג: נאָך אַ מאָל אַזאַ אומגליק, אַ קאַטאַסטראָפע, אויף דעם זעלבען אָרט וועט זיך ניט טרעפען. נאָר איהר דערמאַנט זיך, אַז אָט־אָ־דאָ האָבען נישט לאַנג געקאַטשעט זיך באַרג־אַראָפּ איין וואַגאָן נאָכ׳ן אַנדערען, און דאָ האָבען מענשען געלעגט דעם קאָפּ, דאָ האָבען געטרישטשעט ביינער, געראַנען בלוט, געשפּריצט מאַרך — איהר זענט זיך מחיה, אַז איהר פאָהרט אַריבער דאָס אָרט בשלום...

מאַקס האָט געוואוסט, אַז דאָ, אין די מקומות, וועלען זיין אַ סך דבורים, מיט מימרות, מיט מעשיות, מיט זיפצען, מיט קרעכצען פון אייגענע, און אָנצוהערענישען מיט שטעכווערטלעך פון פרעמדע; און וואָס נעהענטער ער איז געווען צו יענע מקומות, האָט ער אַלץ מעהר געזוכט מיטלען, ווי אַזוי צו אַנטלויפען, אויסבעהאַלטען זיך פון זיך אַליין...

געקומען שוין גאָר נאָהענט, האָט ער תחילת געוואָלט בלייבען זיצען אין וואַגאָן איינער אַליין. נאָכדעם האָט ער זיך בערעכענט און איז דוקא אַראָפּגעשפּרונגען מיט נאָך פּאַסאַזשירען אויפ׳ן וואָקזאַל, דוקא צוגעגאַנגען צום בופעט מיט אַ ברייטקייט, ווי אַ מענש, וואָס ס׳איז איהם שטאַרק אויפגעלעגט אויפ׳ן האַרצען, דוקא

געמאַכט אַ שנעפּסעל, פערביסען מיט די אַלע גוטע זאַכען, וואָס אַ איד טאָר ניט, פערטרונקען מיט אַ גלעזעל ביער, פעררויכערט אַ ציגאַר און איז צוגעגאַנגען צו דער שאַפע, וואו מע פערקויפט ביכער און צייטונגען, און דערזעהען ליגען דאָס געוויסע שענע אַנטיסעמיטישע בלאַט פונ׳ם געוויסען שענעם אַנטיסעמיט קרושעוואַן מיט׳ן געוויסען שענעם נאָמען „ב ע ס אַ ר אַ ב ע ץ״. דאָרט, אין יענע מקומות, דאַרפט איהר וויסען, וואו עס באַקט זיך דאָס דאָזיגע שענע בלאַט, ליגט זיך עס גאַנץ רוהיג: קיינער נעמט דאָס ניט אין האַנד אריין; די דאָרטיגע אידען נעמען דאָס ניט, ווייל ס׳איז „מוקצה מחמת מיאוס״, און ניט־אידען האָט זיך עס שוין צוגעגעסען. ליגט זיך עס דערפאַר בשלום אין שאַפע און דערמאַנט נאָר דעם עולם, אַז ס׳איז פאַרהאַן אויף דער וועלט איינער אַ קרושעוואַן, וואָס רוהט נישט, וואָס שלאָפט ניט און וואָס זוכט מיטלען, ווי אַזוי צו בעהיטען און בעוואָהרענען און בעשירמען די וועלט פון דער געפעהרליכער קרענק, וואָס מע רופט זי „אידישקייט״.

מאַקס בערליאַנט איז געוועזן דער איינציגער, וואָס איז צוגעגאַנגען צו דער שאַפע און האָט זיך געהייסען געבען אַ נומער „בעסאַראַבעץ״. צוליעב וואָס, למשל? אפשר צוליעב דעם אייגענעם טעם, וואָס ער האָט זיך געהייסען דערלאַנגען ראַקעם? און אפשר האָט ער טאַקי געוואָלט זעהען, וואָס שרייבט עפּיס אַזאַ כלב שבכלבים וועגען אידען? ס׳איז אַ סברה, זאָגט מען, אַז דאָס רוב אַנטיסעמיטישע בלעטער לייענען סעמיטען, דאָס הייסט, מיר אַליין טאַקי מיט אונזער כבוד... די בעלי־בתים פון די בלעטער וויסען דאָס גאַנץ גוט און געהען מיט דעם גאַנג, אַז „דער איד איז טריפה און דער גראָשען איז כשר״...

בקיצור, אונזער מאַקס האָט געהאַנדעלט אַ נומער „בעסאַראַבעץ״, אריינגעגאַנגען מיט איהם אין וואַגאָן אריין, אויסגעצויגען זיך איבער דער באַנק און איבערגעדעקט זיך מיט׳ן בלאַט, ווי מע דעקט זיך איבער, למשל, מיט אַ קאָלדרע אָדער מיט אַ פעלד, און בשעת מעשה איז איהם דורכגעפלויגען אַ מחשבה:

„וואָס וועט זיך, אַשטייגער, קלעהרען אַ איד, למשל, אַז ער וועט צוגעהן און דערזעהען אַ מענשען ליגען אויסגעצויגען און איבערגעדעקט מיט אַ „בעסאַראַבעץ״? געוויס וועט שוין קיינעם ניט קומען אויף די געדאַנקען, אַז דאָ ליגט אַ איד... אַ אידעע, כלעבען, אַ טהייער מיטעל אויף פּטור צו ווערען פון אידען און בלייבען אַקעגען נאַכט אויסגעצויגען איינער אַליין, ווי אַ שררה, אויף אַ גאַנצער באַנק״...

אַזוי האָט זיך געטראַכט אונזער העלד, און בכדי ס׳זאָל שוין טאַקי קיין בן־אָדם ניט וויסען, ווער דאָ ליגט, האָט ער זיך איבערגעדעקט מיט׳ן „בעסעראַבעץ״ איבער׳ן פּנים, פערשטעלט די נאָז אויך, מיט די אויגען, מיט די האָר, מיט׳ן גאַנצען צלם־אלקים, און ער האָט זיך פאָרגעשטעלט אַ בילד, ווי אַזוי ביינאַכט קריכט אַ איד מיט אַ סך פּעקלעך אין וואַגאָן אריין, זוכט נעבאַך איין אָרט אויף צו זעצען זיך, דערזעהט ער, עס ליגט אַ פאַרשוין מיט אַ נומער „בעסעראַבעץ״ איבערגעדעקט — געוויס אַ פּריץ, און געוויס אַ רשע איין אַנטיסעמיט, און אפשר טאַקי קרושעוואַן אַליין — שפּרינגט ער אודאי נעבאַך אָפּ, דער איד מיט די פּעקלעך, שפּייט־אויס דריי מאָל, און ער, מאַקס, בלייבט אַליין, איינער אַליין, ווי אַ גראַף, איבער דער גאַנצער באַנק. חאַ־חאַ־חאַ, כלעבען, אַ טהייער מיטעל, נאָך בעסער ווי אַ מענש זאָל פּלוצים אין וואַגאָן בעקומען די חאָלערע!...

דער דאָזיגער פּלאַן געפעלט אונזער מאַקסען אַזוי שטאַרק, אַז ליגענדיג אונטער׳ן „בעסאַראַבעץ״, צעלאַכט ער זיך אַזש, און אַ מענש, דאַרפט איהר וויסען, אַז ער האָט איבערגעביסען, פערטרונקען מיט אַ גלעזעל ביער, פעררויכערט אַ ציגאַר און ליגט אַקעגען נאַכט אין וואַגאָן איינער אַליין אויף אַ גאַנצער באַנק, אויסגעצויגען ווי אַ גראַף, איז איהם גוט צו לאַכען...

שאַט, לאָז זיין שטיל. אונזער העלד מאַקס בערליאַנט, דער קאָמיוואָיאַזשער, וואָס פאָהרט פון לאָדז קיין מאָסקווע און פון

מאָסקווע קיין לאָדז, ליגט איינער אַליין אויף אַ באַנק, צוגערעקט מיט אַ נומער „בעסאַראַבעץ", און חאַפּט אַ דרימעל. לאָמיר איהם ניט שטעהרען.

ג.

מאַקס בערליאַנט איז טאַקי אַ איד אַ חכם, נאָר הייינטיגס מאָל האָט ער דוקא נישט געטראָפען. ס'איז טאַקי אַריינגעקומען אין וואַגאָן אַ פּאַרשוין, אַ גראָבער, אַ געזונדער, אַ פּאַרסאַפּעטער, מיט עטליכע טשעמאָדאַנעס, איז טאַקי צוגעגאַנגען צו מאַקסען, טאַקי בעטראַכט איהם, ווי ער ליגט דאָס איבערגעדעקט מיט אַ נומער „בעסאַראַבעץ", נאָר ער האָט נ י ט אויסגעשפּיגען דריי מאָל און איז נ י ט אָפּגעשפּרונגען. ער איז נאָר געשטאַנען און האָט בע־טראַכט דעם דאָזיגען נפש, דעם אַנטיסעמיט מיט דער סעמיטישער נאָז (בשעת שלאָפען האָט זיך דאָס בלאָט אַ ביסעל אַראָפּגע־גליטשט, און די חרפּה, די נאָז הייסט עס, האָט זיך אַנטפּלעקט און אַרויסבעוויזען ביי אונזער העלד מיט איהר גאַנצען פּראַכט און גלאַנץ).

געשטאַנען עטליכע מינוט מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען און אוועקגעלעגט די טשעמאָדאַנעס אויף דער צווייטער באַנק, וואָס אַקעגען מאַקסען, האָט זיך אונזער נייער פּאַרשוין אַרויסגע־חאַפּט אויף אַ פּאָר מינוט אויפ'ן וואָקזאַל, אַריינגעקומען צוריק אויך מיט אַ נומער „בעסאַראַבעץ", אויפגעבונדען אַ טשעמאָדאַן, אַרויסבעקומען פון דאָרטען אַ קישעלע מיט אַ קאָלדרע, מיט אַ פּאָר שטעקשיך, מיט אַ פּלעשעל אָדעקאָלאָן, זיך געמאַכט גאַנץ היימיש, אויסגעצויגען זיך איבער דער באַנק און איבערגעדעקט זיך מיט'ן „בעסאַראַבעץ", פּונקט אַזוי ווי אונזער מאַקס בערליאַנט, געלעגען און געדרייכערט, געקוקט אויף מאַקסען און געשמייכעלט, צוגעמאַכט פריהער איין אויג, נאָכדעם דאָס אַנדערע, אָנגעהויבען פּאַוואָלינקע דרימלען.

מיר לאָזען שלאָפען אונזערע ביידע „בעסאַראַבצעס", אַ באַנק קעגען אַ באַנק; מיר ווילען בעקאַנט מאַכען דעם לעזער מיט דעם צווייטען פּאַרשוין, ו ו ע ר ער איז און ו ו אָ ס ער איז.

ער איז אַ גענעראַל... ניט קיין גענעראַל פון דער מלחמה און ניט קיין גענעראַל־גובערנאַטאָר, נאָר אַ גענעראַל־אינספּעקטאָר, איין אַגענט, הייסט דאָס, פון אַ געזעלשאַפט. הייסען הייסט ער נ י ע מ ט ש י ק, דער נאָמען זיינער איז חיים, נאָר שרייבען שרייבט ער זיך אַלבערט, און רופען רופט מען איהם פּעטי.

אין פלוג, קומט דאָך אויס אפילו אַ ביסעל ווילדליך: מילא, אַז פון חיים וואַכסט־אויס איין אַלבערט — פערשטעהט זיך נאָך; וואָרום למאי ווי אַזוי ווערד ביי אונז פון וועלוועל „וולאַדימיר", פון ישראל „איסידאָר" און פון אברהם „אַוואַקום"? נאָר ווי אַזוי איז דאָס געוואָרען פון חיים „פּעטי"? מוז מען זיך, אלזא, אַריינ־לאָזען אַ ביסעל אין חקירה, זיך פערטיעפען אין חכמת הלשון און געהן מיט'ן שכל־הישר: ראשית חכמה, וואַרפען מיר אַרויס די חית פונ'ם „חיים". נאָכדעם בעטען מיר מחילה די צוויי „יוד'ען" מיט דער „מם" — בלייבט שוין נאָר איבער די „אלף" אַליין. שטעלען מיר צו צו דער „אלף" נישט מעהר ווי אַ „למד" מיט אַ „בית" מיט איין „עין" מיט אַ „ריש" מיט אַ „טית" — מאַכט דאָס ניט אַלבערט? נו, און פון אַלבערט ווערד שוין במילא אַלבערטי, בערטי, בעטי, פּעטי. Sic transit gloria mundi — אָט אַזוי, הייסט דאָס, ווערד פון אַ קאַטשקע איין אינדיק.

בקיצור, אונזער פּאַרשוין הייסט פּ ע ט י נ י ע מ ט ש י ק און איז אַ גענעראַל־אינספּעקטאָר און פאָהרט־אויס די וועלט, ווי מאַקס בערליאַנט; נאָר ער איז בטבע שוין גאָר איין אַנדער מין נפש: אַ לעבעדיגער, אַ פרייליכער, אַ בערעדעווידיגער. און חאָטש ער הייסט פּעטי און איז אַ גענעראַל־אינספּעקטאָר, פון דעסטוועגען איז ער אַ איד גלייך מיט אַלע אידען, און האָט ליעב אַ אידען, ליעב צו דערצעהלען מעשיות און אַנעקדאָטען פון אידען.

פעטי ניעמטשיק מיט זיינע אנעקדאָטען האָט אַ שם אויף דער וועלט. איין שטיקעל חסרון, וואָס וואו ערגיץ איין אנעקדאָט, האָט זיך עס, זאָגט ער, געטראָפען מיט איהם אַליין טאַקי, און בשעת מעשה שוועהרט ער אייך אָפּ מיט כל השבועות שבעולם, און אַלע מאָל טרעפט זיך מיט איהם דער אַנעקדאָט אין איין אַנדער אָרט; ער פערגעסט פון איין מאָל צום אַנדערען. די משמעות, אַז פעטי ניעמטשיק, דער גענעראַל־אינספעקטאָר, איז אַ ביסעל געחאַפּט אויף דער עברי, דאָס הייסט, ער איז אַ שטיקעל בעל־מגזם, אָדער, ווי מע רופט דאָס אין אונזערע קאַנטען, ער איז, מחילה, אַ ליגנער. האָט קיין פאַראיבעל נישט, וואָס מיר דריקען זיך אויס אַזוי גראָב; עס וואָלט, אייגענטליך, געוועזען גענוג, מיר זאָלען זאָגען אויף איהם, אַז ער איז איין אַגענט, און וואָס איין אַגענט איז — ווייסט איהר דאָך אַליין...

אַריינגעקומען אין וואַגאָן און דערזעהען אונזער מאַקס בערליאַנט ליגען אויסגעצויגען אויף דער באַנק, איבערגעדעקט מיט אַ נומער „בעסאַראַבעץ”, און דערקענט נאָך דער נאָז, אַז דער פאַרשוין איז קיין שום מחותן ניט מיט קרושעוואַנען און מיט זיין שענעם „בעסאַראַבעץ”, איז די ערשטע מחשבה זיינע געוועזען:

— איין אַנעקדאָט!... אַ נייער אַנעקדאָט!... ער וועט שוין האָבען, מיט גאָט'ס הילף, וואָס צו דערצעהלען און דערצעהלען!

און פעטי ניעמטשיק האָט זיך אַראָפּגעחאַפּט אויפ'ן וואָקזאַל, האָט זיך בעוואָהרענט אויך מיט אַ נומער „בעסאַראַבעץ” און האָט זיך אָוועקגעלעגט אַקעגען מאַקסען — זעהען וואָס וועט דאָ זיין? — און איז אויך אַנשלאָפען געוואָרען...

אַצינד לאָזען מיר איבער דעם „בעסאַראַבעץ” נומער צוויי, דאָס הייסט, דעם גענעראַל־אינספעקטאָר פעטי ניעמטשיק, און קעהרען זיך אום צוריק צום „בעסאַראַבעץ” נומער איינס, דאָס הייסט, צום קאָמיוואָיאַזשער מאַקס בערליאַנט.

ד.

מאַקס בערליאַנט האָט געהאַט אַ שווערע נאַכט... אפנים, עס האָבען אין איהם גערעדט די מאכלים, וואָס ער האָט געחאַפּט אויפ'ן וואָקזאַל, מחמת עס האָבען זיך איהם געפּלאָנטעט משונה־מאָדנע ווילדע חלומות. למשל, עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער איז ניט מאַקס בערליאַנט — אַז ער איז גאָר קרושעוואַן, דער רעדאַקטאָר פונ'ם „בעסאַראַבעץ”, און אַז ער פאָהרט ניט אין וואַגאָן, נאָר רייטענדיג אויף אַ דבר־אחר, און אַ ראַק, אַ רויטער ראַק, אַ געקאָכטער, ווינקט צו איהם מיט די הערנער, און עס הערט זיך פון ערגיץ אַ געוויין: „קי־שי־נעוו!”... און ווי עפּיס אַ ווינטעל בלאָזט איהם אין די אויהערען, און ער הערט אַ שעלעשטשען פון בלעטער אָדער פון ווייבערשע קליידלעך, און ער וויל עפענען איין אויג און קאָן ניט, און ער טאַפּט זיך ביי דער נאָז — נישטאָ קיין נאָז, קיין סימן פון קיין נאָז; אויפ'ן אָרט פון דער נאָז טאַפּט ער אָן אַ „בעסאַראַבעץ”, און ער ווייסט ניט וואו ער איז. ער וויל זיך ריהרען און קאָן נישט. ער פיהלט, אַז דאָס איז אַ חלום, נאָר ער קאָן נישט גובר זיין דעם שלאָף, ער קאָן נישט געוועלטיגען אויף זיך, ער קאָן נישט! ער ליגט און ליידט נעבאך גרויסע יסורים, ער איז ווי אין דער הינהער־פּלעט. ער פיהלט, אַז עס געהען איהם אויס די כחות. נעמט ער זיך אָן מיט'ן לעצטען ביסעל קראַפט און לאָזט־אַרויס אַ שטילען קרעכץ, וואָס נאָר ער אַליין קאָן איהם האָרכען, און עפענט־אויף אַ שטיקעל אויג, קוים־קוים וואָס ער זעהט, און ער דערזעהט אַ שטראַהל פון אַ ליכט און אַ געשטאַלט פון אַ מענשען, וואָס ליגט אויסגעצויגען אַקעגען איהם, אויך איינער אַליין, ווי ער, אויף אַ גאַנצער באַנק, און אויך איבערגעדעקט, ווי ער, מיט אַ נומער „בעסאַראַבעץ”, — און אונזער מאַקס ווערד נבהל ונשתומם: עס מאַהלט זיך איהם אויס, אַז דאָס זעהט ער טאַקי זיך אַליין אויסגעצויגען אויף יענער באַנק, און

ער קאָן בשום אופן נישט פערשטעהן דעם שכל, ווי קומט ער, מאַקס, אַהין, אויף יענער באַנק? און ווי אַזוי זעהט דאָס אַ מענש זיך אַליין אָהן אַ שפּיעגעל?... ער פיהלט, אַז איינציגווייז שטעלען זיך איהם די האָר קאַפּויר...

ביסלעכווייז, ביסלעכווייז הויבט־אָן אונזער מאַקס קומען צו די געדאַנקען און פערשטעהן, אַז יענער, וואָס ליגט דאָרט אויף יענער באַנק, איז ניט ער, מאַקס, נאָר איין אַנדערער. איז איהם אָבער קשה: פון וואַנען האָט זיך גענומען אַהער דער דאָזיגער פּאַרשוין, און גראָד אַקעגען איהם, און גראָד מיט אַ „בעסאַראַבעץ”?

אונזער מאַקס האָט קיין צייט ניט וואַרטען ביז טאָג, און עס ווילט זיך איהם טרעפען דאָס רעטעניש וואָס גיכער, און טאַקי שוין, און טאַקי באַלד; און ער טהוט זיך אַ ריהר און הויבט־אָן צו שעלעשטשען מיט'ן בלאַט, און ער דערהערט, אַז יענער פּאַרשוין, וואָס אויף יענער באַנק, טהוט זיך אויך אַ ריהר און שעלעשטשעט אויך מיט'ן בלאַט. בלייבט ער שטיל און קוקט זיך איין נאָך שטאַרקער, און דערזעהט, ווי יענער פּאַרשוין, וואָס אויף יענער באַנק, קוקט אויף איהם מיט אַ האַלבען שמייכעל. און אונזערע ביידע „בעסאַראַבצעס” ליגען איינס אַקעגען דאָס אַנדערע, און קוקען איינס אויפ'ס אַנדערע, און מע שווייגט. ביידע אַנטיסעמיטען חלש'ען, געהען־אויס וויסען, ווער מע איז; נאָר מע האַלט זיך איין מיט אַלע כחות און מע שווייגט. פּאַלט פּעטי אויף אַ שכל און הויבט־אָן אויסצופייפען שטילערהייד אַ בעקאַנטען אידישען מאָטיוו פון אַ בעקאַנט אידיש ליעדעל:

„אויפ'ן פריפּעטשיק ברענט אַ פייערעל”...

און מאַקס האַלט איהם אונטער אויך שטיל און אויך מיט אַ פייפען:

„און אין שטוב איז הייס”...

זעצען זיך אַוועק פּאַוואָלינקע אונזערע ביידע אַנטיסעמיטען, וואַרפען־אַראָפּ פון זיך די „בעסאַראַבצעס” און לאָזען־אויס ביידע דעם בעקאַנטען אידישען מאָטיוו פונ'ם בעקאַנטען אידישען ליעדעל, שוין נישט מיט קיין פייפען, נאָר מיט ווערטער ממש:

„און דער רבי לעהרענט
מיט די קינדערלעך
דעם אלף־בית!”...